ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

•

מאת

כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א

שניאורסאהן

מליובאוויטש

•

**משיחות ש״פ צו, שבת הגדול, ח׳ ניסן ה׳תנש״א**

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
קה״ת
ליובאוויטש

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה
**שנת הקהל**
מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**בס"ד.**

# פתח דבר

בזה הננו מוציאים לאור חלק משיחת כ"ק אדמו"ר שליט"א בש"פ צו, שבת הגדול, ח' ניסן שנה זו.

## מערכת „אוצר החסידים"

ג' פ' שמיני, י"א ניסן, ה'תנש"א (**ה**י' **ת**הא **ש**נת **א**ראנו **נ**פלאות)
שנת הצדי"ק לכ"ק אדמו"ר שליט"א,
ברוקלין, נ.י.

## בס״ד. משיחות ש״פ צו, שבת הגדול, ח׳ ניסן ה׳תנש״א

**א.** דער אינהאַלט פון חודש ניסן, דער „חודש הגאולה״[1] — וואָס ווערט אַזוי אָנ־גערופן על שם זיין צענטראַלען ענין, חג הפסח, „זמן חירותנו״[2] — איז ספּעציעל אונטערשטראָכן אין דעם שבת פאַר פסח:

ניסן איז מלשון נס[3], און נאָכמער: ניסן (מיט צוויי נוני״ן) באַווייזט אויף „נסי נסים״[4] — די נסים ונפלאות וואָס דער אויבערשטער האָט געטאָן מיט אידן אין דעם חודש אַרויסנעמענדיק זיי פון מצרים, וועלכער באַצייכנט די ספּעציעלע, נסים׳דיקע הנהגה פון דעם חודש. און דער ענין (פון נסי נסים) קומט נאָכמער צום אויס־דרוק אין דעם שבת פאַר פסח (פון וועלכן עס ווערט געבענטשט (מיני׳ מתברך[5]) דער יום־טוב פסח[6]), וועלכער ווערט אָנגערופן „שבת הגדול״ „לפי שנעשה בו נס גדול״[7], דער נס פון „למכה מצרים בבכוריהם״[8] (ווי דער אַלטער רבי איז מבאר באריכות אין זיין שולחן ערוך[9]), „וקבעו נס זה לזכרון לדורות בשבת וקראוהו שבת ה־גדול״. און נאָכמער: „בשבת הגדול היתה התחלת הגאולה והנסים״[10] פון יציאת מצרים (וואָס דערפאַר זאָגט מען בשבת זה „עבדים היינו וכו׳״[11]).

דאַרף מען פאַרשטיין[12]: פאַרוואָס ווערט דוקא דער נס פון „למכה מצרים בבכוריהם״ אָנגערופן (א) „נס גדול״ (גרעסער ווי די אַנדערע נסים); אין וואָס באַשטייט די גדלות פון דעם נס? ביז אַז דאָס איז (ב) „התחלת הגאולה והנסים״ פון יצי״מ, דלכאורה איז דאָס נאָר נאָך אַ נס פון צווישן אַלע נסים וואָס האָבן פאַסירט אין מצרים.

מ׳דאַרף אויך האָבן הסברה אין דער שייכות פון דעם נס מיט יום השבת דוקא, וואָס „קבעו נס זה לזכרון לדורות בשבת וקראוהו שבת הגדול״, דאע״פ אַז ס׳איז דאָ אַ סיבה אויף דעם[13], דאַרף מען אָבער זאָגן[14] (וויסנדיק דעם גודל הדיוק אין יעדער זאַך אין תורה און קביעות הימים ע״פ תורה) אַז דאָס האָט אויך אַ שייכות

1) שמו״ר פט״ו, א.

2) נוסח התפלה והקידוש דחה״פ. וראה לקו״ש חי״ז ע׳ 71 ואילך.

3) ראה מדרש לקח טוב עה״פ בא יב, ב: ניסן שבו נעשו נסים לישראל.

4) ראה ברכות נז, רע״א ובפרש״י וחדא״ג מהרש״א שם.

5) זח״ג סג, ב. פח, א.

6) דאף שיום ראשון דחג הפסח חל (בשנה זו) ביום השבת, הרי גם שבת מקבלת (תוספת) ברכה (נוסף להברכה שיש בה מצ״ע) משבת שלפני זה, שמיני׳ מתברך כולהו יומין, גם יום השביעי, כמובן מתוכן הענין בזהר שם, שמיני׳ מתברך כולהו יומין בברכת המן, והרי הברכה על יום הששי כולל „לחם משנה״ גם על יום השבת (בשלח טז, ה. כב). וראה גם שיחת ש״פ בא (והתוועדויות שלאח״ז) תשד״מ.

7) תוד״ה ואותו — שבת פז, ב בשם מדרש (ראה דעת זקנים מבעה״ת בא יב, ג). טור ושו״ע אדה״ז או״ח הל׳ פסח ר״ס תל.

8) תהלים קלו, י. וראה מדרש תהלים שם. רש״י ומצו״ד שם.

9) שם. וכ״ה בתוס׳ שם. — ובטור מבאר תוכן הנס באו״א. וראה לקו״ש חי״ב ע׳ 33 ואילך בהערות.

10) שו״ע אדה״ז שם ס״ב.

11) שם, מרמ״א שם ס״א.

12) ראה גם לקו״ש חי״ב שם. חי״ז ע׳ 57.

13) שו״ע אדה״ז שם ס״א, ממג״א שם סק״א.

14) ראה גם לקו״ש שם ע׳ 58.

פנימית מיט דעם תוכן פון שבת, ביז אַז דערפאַר ווערט דער שבת אָנגערופן „שבת הגדול".

ולהוסיף, אַז די שייכות פון „(התחלת) הגאולה והנסים" מיט שבת (הגדול) איז נאָכמער בהדגשה דעם יאָר, ווען דער ערשטער טאָג פסח (וואָס דעמולט איז געוועזן די גאולה ויציאה ממצרים בפועל) קומט אויס ביום השבת[15].

ב. איינער פון די ענינים עיקריים אין גאולת מצרים אונטערשטראָכן אין תורה איז — דאָס וואָס די גאולה איז געווען דורך משה רבינו, גואלם של ישראל, ווי די תורה דערציילט ובארוכה[16] ווי דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן דוקא משה'ן[17] אַלס דער גואל ישראל. ביז אַז אפילו ווען משה האָט געבעטן באַם אויבערשטן „שלח נא ביד תשלח"[18], האָט דער אויבערשטער ניט אָנגענומען זיין בקשה, ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז דוקא משה זאָל זיין דער שליח צו גואל זיין בני ישראל.

דערפון איז מובן, אַז משה האָט אַ טיפע שייכות מיט גאולה[19], און דערפאַר האָט דוקא ער בכח צו גואל זיין אידן.

15) ולהעיר שפסח נקרא שבת בכתוב (אמור כג, טו).

16) שמות ג, א ואילך.

17) ואהרן הלך עם משה אל פרעה — ש„יהי' לך לפה" (אבל „אתה תהי' לו לאלקים" (שמות ד, טז)) במענה לטענת משה „לא איש דברים אנכי גו' כי כבד פה וכבד לשון אנכי" (שם, י), ולכאורה משמע שלולא טענת משה, לא הי' אהרן המדבר (וכמובן גם מזה שבתחלה ענה ה' (על טענת משה הנ"ל) „מי שם פה לאדם גו' ואנכי אהי' עם פיך גו' (שם, יא־יב), ורק לאחרי שאמר משה „שלח נא ביד תשלח", אמר ה' שאהרן יהי' המדבר).

18) שם, יג.

19) ראה שמו"ר פ"ב, ד: משה הי' מתוקן לגאולה, מתחלת ברייתו נתקן לכך.

ביז אַז חז"ל זאָגן אויף משה'ן „הוא גואל ראשון הוא גואל אחרון"[20]. משה ווערט אָנגערופן „גואל אחרון" אפילו בנוגע צו דער גאולה האמיתית והשלימה פון גלות זה האחרון (וואָס וועט זיין ע"י משיח צדקנו), אויף וועלכע עס שטייט[21] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפל־אות", ובפרט כידוע[22] אַז גאולת מצרים איז דער ראש ושורש פון אַלע גאולות, כולל אויך גאולה העתידה לבוא — ווארום גאולה (יעדע גאולה) קומט דוקא בכח משה.

ג. די נקודת הביאור בזה:

דער תכלית פון גאולת מצרים איז — „ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם ל־אלקים וידעתם כי אני ה' אלקיכם המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים"[23], און „אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים"[24]. ד.ה. אַז דער גילוי אלקות למטה בגאולת מצרים איז, בכדי אַז אידן, ווי זיי געפינען זיך אין וועלט, זאָלן דאָס זען און אַנער־קענען און וויסן דעם אויבערשטן, און זאָלן אָננעמען (דערנאָך באַ מתן תורה) די תורה ומצוות פון דעם אויבערשטן[25], און דורך זייער עבודה—אַנטפּלעקן ג־טלעכ־קייט באופן קבוע ונצחי אין זייער לעבן און חלק בעולם ווי דאָס האָט זיך אויסגע־פירט אין דעם משכן (התכלית פון יצי"מ ומ"ת) — „ועשו[26] לי מקדש ושכנתי

20) ראה זח"א רנג, א. שער הפסוקים פ' ויחי. תו"א ר"פ משפטים. וראה בארוכה לקו"ש חי"א ע' 8 ואילך.

21) מיכה ז, טו.

22) ד"ה כימי צאתך ה'תש"ח פי"ב (ע' 164).

23) וארא ו, ז.

24) יתרו כ, ב. וראה מכילתא ופרש"י שם. שמו"ר פכ"ט, ג.

25) וכמ"ש (שמות ג, יב) „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה".

26) תרומה כה, ח.

בתוכם"[27], און נאָכמער בקביעות – אין דעם בית המקדש (ראשון ושני), ובתכלית השלימות וועט עס זיין אין בית המקדש השלישי, "מקדש אד' כוננו ידיך"[28], בית נצחי[29], בגאולה האמיתית והשלימה, און דורך דעם – אויך מגלה זיין אלקות אין וועלט באופן כזה, ביז די שלימות בזה לע"ל, ווען די גאַנצע וועלט און אַלע מענטשן אין איר וועלן אָנהערן און זעען אלקות בגלוי ובשלימות, "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר"[30].

דאָס איז אויך דער טעם פאַרוואָס גאולת מצרים איז געקומען דוקא דורך נסים ונפלאות (גלויים) – וואָרום דוקא דורך אַ נס שלמעלה מדרך הטבע, ווערט אַנטפּלעקט בגלוי (לעיני בשר) דער אומ־באַגרענעצטער כח פון דעם אויבערשטן, מ'זאָל דערקענען בגלוי ווי דער אויבער־שטער איז דער בעה"ב אויף טבע העולם, און האָט דעריבער דעם כח צו מאַכן אַ נס העכער פאַר (אָדער אַ נס וואָס בייט) די הנהגה טבעית פון עולם (מלשון העלם והסתר[31]), וואָס טבע (מלשון "טובעו ב־ים"[32]) פאַרדעקט אויף דעם כח הפועל פון דעם אויבערשטן וואָס איז אין אים פאַראַן,

און דאָס האָט געגעבן און גיט דעם כח צו אידן (וועלכע האָבן געזען די נסים גלויים), אַז באַ זיי זאָל ווערן אַ גאולה – באַפרייאונג פון די באַגרענעצונגען (מדי־דות והגבלות) פון דער וועלט און פון דער "פאַרשקלאַפונג" צו וועלטישע הנ־חות און "קנעכטשאַפט" צו די פאַרשידענע (מצרים מלשון[33]) מיצרים וגבולים פון עולם בכלל און גלות בפרט, אָנהויבנדיק פון גלות מצרים – אַז עס ווערט "זמן חירותנו", חירות אמיתית פון אַלע הגבלות, כולל די הגבלות פון לבושי הטבע (אויך פון נסים המלובשים בטבע, ווי נס פורים[34]).

ווי דאָס וועט זיין בשלימות בגאולה האמיתית והשלימה[35], ווען עס וועט זיין "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", נפלאות אינגאַנצן למעלה מדרך הטבע (ווי די נסים פון יצי"מ), און נאָכמער – נפלאות אפילו בערך צו די נסים פון יציאת מצרים; און אין אַן אופן פון "אראנו", דער אויבערשטער אַליין באַ־ווייזט זיי, וואָס דעמולט ווערט אַנט־פּלעקט אַלץ, סיי דאָס וואָס איז שייך צו ווערן אַנטפּלעקט (נגלה), סיי דאָס באַ־האַלטענע (נסתר); עס ווערט געזען דער אמת און די פנימיות פון דער הנהגה טבעית, די פולקאָמע הנהגה נסית, ביז אויך דאָס וואָס איז אינגאַנצן "נפלא".

און דער כח אויף ברענגען גאולה צו אידן (גילוי אלקות למטה) באופן הנ"ל קומט דוקא דורך משה רבינו, גואלם של ישראל, כדלקמן.

27) וראה שהש"ר רפ"ה: "ואימת שרתה שכינה עלי' (בארץ) מיום שהוקם המשכן". וראה סה"מ מלוקט ח"ג ע' נז. ובכ"מ.

28) בשלח טו, יז ובפרש"י. ועוד.

29) זח"א כח, א. ח"ג רכא, א. תקו"ז ת"ח.

30) ישעי' מ, ה. וראה תניא פל"ו (מו, א). ושם: וכבר הי' לעולמים מעין זה בשעת מ"ת כו'.

31) ראה לקו"ת שלח לז, ד. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א ע' שג. ח"ג ע' א'נט. וראה לקו"ש (חלק לד) שופטים תשמ"ז הערה 63. וש"נ.

32) לשון הכתוב – בשלח טו, ד. וראה סה"מ מלוקט ח"ה ע' קח ואילך. וש"נ.

33) ראה תו"א וארא נז, ב ואילך. בשלח סד, א־ב. יתרו עא, ג ואילך. ובכ"מ.

34) או"ת להה"מ נט, ג. תו"א מג"א צג, סע"ג ואילך. שם ק, א. סה"מ תקס"ה ח"א ע' שע ואילך (נוסחא שני'). ובכ"מ – נסמנו במכתב כ"ה אדר ש.ז. הערה ד"ה כידוע (נדפס לקמן [סה"ש תנש"א] ח"ב בהוספות).

35) בהבא לקמן – ראה מכתב ה' ניסן ש.ז. (נדפס לקמן [סה"ש תנש"א] ח"ב בהוספות). וש"נ.

**ד. וועט מען עס פאַרשטיין דורך ער־קלערן דעם תוכן ענין וחידוש פון** משה **(וואָס איז בדוגמא דער חידוש פון ענין הגאולה, און דערפאַר קומט די גאולה דוקא דורך משה'ן) – ווי אַרויסגעגעבן אין ספר תהלים מזמור צדי"ק (וועלכער מען פאַנגט אָן זאָגן בימים אלו[36]), וועל־כער הויבט זיך אָן** „תפלה למשה איש ה־אלקים"**, און איז מסיים** „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו"**.**

**דער מזמור איז ספעציעל אויסגע־טיילט מיט דעם חידוש, אַז ער איז געזאָגט געוואָרן דורך משה רבינו („תפלה ל־משה"): ער איז דער ערשטער פון די „אחד עשר מזמורים כו' מכאן עד[37] לדוד מזמור (ש)משה אמרם"[38] – וואָס דערפון איז מובן, אַז דער מזמור גיט אַרויס דעם תוכן פון עבודת ופעולת משה (ע"י תפלתו), כולל – זיין פעולה אין אידן און אין דער וועלט[39].**

**און ווי חז"ל זאָגן[40], אַז „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו גו'" (סיום מזמור זה) איז די ברכה (ותפלה) פון משה אין צוזאַמענהאַנג מיט דער השראת השכינה אין משכן: „אמר להם יהי רצון שתשרה שכינה ב־מעשה ידיכם, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו וגו'". ד.ה. אַז דוקא תפלת משה האָט אויפגעטאָן די השראת השכינה אין משכן[41], און אין אַן אופן פון „**כוננה **עלינו" (גרונטבאַפעסטיקט) – מיט אַ** קביעות, ל־דור דור **[ביז ווי דאָס וועט זיין בשלימות אין בית המקדש השלישי, כדברי חז"ל[42] עה"פ אַז „ומעשה ידינו כוננהו" באַציט זיך צום ביהמ"ק השלישי, אויף וועלכען דער אויבערשטער זאָגט: לעתיד לבא אני אבנה אותו ומשרה שכינתי בתוכו ואינו חרב לעולם].**

**ה. דער ביאור אין דעם – ובהקדים דעם דיוק אין דעם כפל הלשון (וענין) בתחלת המזמור ובסיומו[43]: וואָס איז דער טעם אויף דעם כפל „(תפלה ל)משה", און דערנאָך זיין תואר – „איש האלקים". ועד"ז בסיום המזמור: „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו (און דערנאָך – אַ צווייטן מאָל) ומעשה ידינו כוננהו"[44].**

36) ע"פ המנהג לומר בכל יום הקאַפּיטל תהלים המתאים לשנות חייו (מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר, נדפס ב„קובץ מכתבים" שבסו"ס תהלים אהל יוסף יצחק (ע' 214). אגרות־קודש שלו ח"א ע' לא. ח"י ע' נג. וראה גם מאמרי אדה"ז הקצרים ע' שמא) – מתחילים בי"א ניסן שנה זו אמירת מזמור צדי"ק שבתהלים.

37) ולא עד בכלל. וראה רש"י שבועות טו, ב (ד"ה השיר): אחד עשר מזמורים שאמר משה בספר תהלים מתפלה למשה עד סוף מזמור לתודה.

38) מדרש תהלים ופרש"י עה"פ. פרש"י פקודי לט, מג. ועוד.

39) ראה בארוכה ד"ה תפלה למשה תשכ"ט (סה"מ מלוקט ח"ה ע' ריז ואילך. „קובץ י"א ניסן – שנת הצדי"ק" (קה"ת, תנש"א) אות כא).

40) פרש"י פקודי שם, מבמדב"ר פי"ב, ט. וראה גם פרש"י תהלים עה"פ. תו"ש עה"פ פקודי שם (אות לד). וש"נ (וראה ב„פתיחה" לקובץ י"א ניסן הנ"ל הערה 12).

41) ראה בארוכה ה„פתיחה" שם.

42) מדרש תהלים עה"פ. וראה הנסמן במכתב הנ"ל הערה ד"ה לעתיד.

43) שמזה מובן שתוכן כל המזמור (שבין תחלתו וסיומו) הוא ענין של כפל, ראה לקמן ס"ו. ולהעיר שגם בהמשך פסוקי המזמור יש כמה לשונות כפולים: „בדור דור" (פסוק א). „ומעולם עד עולם" (פסוק ב). „תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם" (פסוק ג), ועוד. ואף שכן נהוג בכו"כ מזמורי תהלים לכפול לשונו (כסגנון של מזמור), הרי כל ענינים בתורה הם בתכלית הדיוק (וראה הערה הבאה), ובפרט שבמזמור זה החידוש הוא (לגבי רוב המזמורים) שיש כפל לשון (ענין) הן בתחלת המזמור והן בסיומו.

44) ראה ראב"ע שם ששולל פירוש הרד"ק שהוא לשון כפול.

**ויש לומר איינער פון די ביאורים אין דעם:**

**בכדי אויפטאָן המשכת וגילוי אלקות למטה באופן של** קביעות („**ושכנתי בתוכם" באופן פון „כוננה עלינו") פאָדערן זיך צוויי ענינים, צוויי קצוות, און חיבורם יחד: (א) אַ כח וואָס איז העכער פאַר די געוויינלעכע הנהגה, הנהגה טבעית פון וועלט, וואָס דאָס האָט די שטאַרקייט צו אַריינברענגען אין וועלט** גילוי אלקות **(וואָס איז ניטאָ בגלוי אין עולם (מלשון** העלם והסתר) **מצ"ע), ביז צו** איבערמאַכן **די וועלט, זי זאָל ווערן „אַ כלי" אויף גילוי אלקות. ובפרט נאָך אין אַן אופן של קביעות ונצחיות — וואָס דערצו פאָדערט זיך אַ כח מיוחד, וואָרום מצד גדר העולם — וועלכער באַשטייט פון שינויים (זמן) — ווערן אַלע נבראים** נשתנה[45] **בהמשך הזמן, ביז אַז „כל הוה נפסד"[46], (ב) דער כח דאַרף אַראָפּקומען און זיך מתלבש זיין ביז צו זיין** בערך **צו די גדרי העולם [כידוע[47] אַז אַ מברר דאַרף זיך מתלבש זיין בלבושי המתברר], וואָס דוקא דעמולט האָט ער בכח צו דערפון (מהמתברר) מאַכן אַ** כלי, **אַ מקום** קבוע **צו אויפנעמען** בפנימיות **דעם גילוי (משא"כ אויב דער גילוי איז שלא בערך צו דעם מקבל, וועט ער דאָרט ניט בלייבן בקביעות, נאָר באופן מקיף וכיו"ב, ביז אַז במשך הזמן קען עס נסתלק ווערן).**

**ו. אָט די צוויי ענינים — וי"ל אַז דאָס זיינען די צוויי ענינים אין דעם כפל בתחלת וסיום מזמור צדי"ק — זיינען געווען בשלימות ובגלוי באַ משה רבינו — וואָס ער איז דער** ממוצע המחבר **צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן, „אנכי עומד בין ה' וביניכם"[48], וואָס אַ ממוצע דאַרף האָבן אין זיך פון ביידע ענינים וועלכער ער איז מחבר[49]:**

**אויף „איש האלקים" זאָגן חז"ל[50] „אם אלקים למה איש ואם איש למה אלקים כו', מחציו ולמטה איש מחציו ולמעלה האלקים". און האָבנדיק די ביידע ענינים — „איש (און) האלקים" — האָט משה בכח מחבר זיין אלקות מיט וועלט (ווי ס'איז אַרויס בגלוי אין משכן משה).**

**ובפרטיות יותר — י"ל אַז די צוויי קצוות אין דעם ממוצע זיינען די צוויי ענינים „משה" און „איש האלקים" (דער כפל בתחלת המזמור):**

**אע"פ וואָס „איש האלקים" איז אַ חיבור פון צוויי קצוות („איש" און „האלקים") ווי זיי זיינען אין איין מענטש (משה)[51] — איז**

---

45) וכמאמר הידוע: התינוק משנולד מתחיל להתייבש (ראה בחיי בראשית א, כח).

46) ראה לקו"ש ח"ה ע' 98 בהערות. חט"ו ע' 428. וש"נ.

47) ראה סה"מ מלוקט ח"א ע' קפז. וש"נ.

48) ואתחנן ה, ה.

49) ראה בארוכה ד"ה פנים בפנים תרנ"ט.

50) מדרש תהלים עה"פ (במדרש תהלים שלפנינו הובא רק בבא הראשונה „ממחציתו ולמטה נקרא איש". אבל במדרש תהלים באבער הובא כל המאמר). דב"ר פי"א, ד. וראה „קובץ י"א ניסן" הנ"ל אות ב. וש"נ.

51) דאף שמפשטות הלשון משמע, שבמשה היו ב' ענינים נפרדים, „איש" („מחציו ולמטה"), ו„האלקים" („מחציו ולמעלה"), והחידוש במשה הוא, שהוא „האלקים" „מחציו ולמעלה" (משא"כ שאר בני אדם הם כולו בבחי' איש, גם מחציו ולמעלה) — הרי, מפשטות לשון הכתוב („משה איש האלקים") מובן, שהיות שמשה הוא איש אחד, נשמה בגוף אחד, הרי הוא „איש האלקים" בכל מציאותו* (ראה ד"ה פנים בפנים הנ"ל, מע"ח שער לאה ורחל

---

*) ראה פי' מהרז"ו לדב"ר שם, שמפרש מאחז"ל זה ע"פ הפדר"א (פמ"א) משה הי' רגליו עומדות בהר וכולו בשמים, וקורא לחלק שעמד בארץ איש ולחלק שבשמים אלקים.

אָבער שם אלקים בגימטריא הטבע[52], דאָס איז די דרגא אין אלקות וואָס „טוט זיך אָן" און באַלעבט טבע העולם. און דעריבער שטייט „איש האלקים", ווייל בחי' „איש" („מחציו ולמטה") פון משה'ן, ווי ער איז פאַרבונדן מיט עולם, ווערט נתאחד (נאר) מיט „האלקים" (אלקות שבערך הברי־אה)[53], אָבער ניט מיט הוי' (שם העצם[54] כו'), די ג־טלעכע אַנטפּלעקונג וואָס איז העכער פון וועלט (שנבראת בשם אלקים, בראשית ברא אלקים[55]).

דאַקעגן „משה" (וואָס שטייט פאַר „איש האלקים") איז על שם „כי מן ה־מים משיתיהו"[56] — פון שם מ"ה[57] (ונחנו מה[58]), שם הוי'[59] (העכער פון „איש ה־אלקים"[60]), אלקות שלמעלה מהבריאה. וידוע דער פירוש אין דעם[61], אַז שרש נשמת משה איז פון אַ דרגא גבוה מאד, בחי' מים (עלמא דאתכסיא[62]), שלמעלה מארץ ויבשה (מקום מושב האדם), און פון דאָרטן — „מן המים — משיתיהו" בגלוי אין (עלמא דאתגליא, ביז אין) עולם הזה הגשמי. אַזוי אַז ווי ער שטייט אַלס אַ נשמה בגוף דאָ למטה איז ער בגלוי „מן המים", דבוק בגלוי צו מקורו למעלה (בדוגמא ווי דגי הים וועלכע זיינען שטענדיק מקושר בגלוי צו זייער מקור החיות — מי הים[63]).

קומט אויס אַז „משה איש האלקים" באַדייט די ביידע ענינים הנ"ל באַ משה'ן: „משה" — זיין פאַרבונד (דאָ למטה) מיט אלקות שלמעלה מהבריאה (וואָס גיט דעם כח צו מגלה זיין אלקות למטה און איבערמאַכן די וועלט, און ממשיך זיין נצחיות, כח הבלי גבול — למטה), און (ב) „איש האלקים" — זיין פאַרבונד (אַלס איש) מיט אלקות שבערך הבריאה, וואָס דאָס גיט דעם כח צו ממשיך זיין אלקות בערך צו (אידן) נשמות בגופים בעולם, באופן אַז זיי קענען ווערן כלים (מצד ענינם הם), ובאופן של קביעות, צו גילוי אלקות שב־ערך הבריאה, ביז צו „ושכנתי בתוכם" — גילוי אלקות שלמעלה מהבריאה.

---

בסופו. וראה „קובץ י"א ניסן" שם), שגם „מחציו ולמטה" (בעסקו בענינים גשמיים) הוא חלק מ„(איש) האלקים", וגם „מחציו ולמעלה" (בעסקו בענינים רוחניים) הוא חלק מ„איש (האלקים)" (משא"כ בשאר בני אדם, אף שיש להם ב' חלקים — נשמה וגוף, נשמה היא „חלק הוי' עמו", „חלק אלוקה ממעל ממש", וגוף הוא נברא גשמי).

52) פרדס שער יב (שער הנתיבות) פ"ב. ר"ח שער האהבה פ"ו ד"ה והמרגיל (קכא, ב). וראה שם שער האהבה ספ"א ד"ה וכדי להבין (נב, ד). של"ה פט, א (דאיתא בזהר); קפט, א (ומרומז בזהר); שח, ב. שו"ת חכם צבי סי"ח. שעהיוה"א רפ"ו.

53) ולאידך גיסא יש לומר: מכיון שזהו „איש האלקים" (אלקות שבערך הבריאה), הרי „איש" („מחציו ולמטה") לא מתאחד לגמרי עם „האלקים" („מחציו ולמעלה"), וגם לא נמשך האלקות למטה מבחי' איש (בבחי' אנוש וכיו"ב); משא"כ ע"י הת־אחדות משה עם עצמותו ית', שזהו התוכן ד„תפלה למשה", בכחו לאחד „איש" ו„האלקים", וגם ל־המשיך אלקות למטה מבחי' איש כו', כדלקמן בפנים סעיף י.

54) כס"מ הל' ע"ז פ"ב ה"ז. פרדס שער יט (שער שם בן ד') פ"א. מו"נ ח"א פס"א ואילך. עיקרים מאמר ב' פכ"ח.

55) בראשית א, א.

56) שמות ב, י.

57) תו"ח שמות קטז, א. אוה"ת תצוה ע' א'תרה. ע' א'תרכג. וראה גם תו"א יתרו סט, ריש ע"ב. מג"א צט, ג. ובכ"מ.

58) בשלח טז, ז. ח.

59) ראה סה"מ תקס"ב ע' קלז. אוה"ת וארא ע' רג. ובכ"מ.

60) ראה תו"א יתרו שם. לקו"ת ואתחנן ג, ד. אוה"ת עקב ע' תקצט. ובכ"מ.

61) ראה תו"ח ואוה"ת שבהערה 57. ובכ"מ.

62) תו"א בשלח סב, א־ב. ובכ"מ.

63) וראה ע"ז ג, ב: מה דגים שבים כיון שעולין ליבשה מיד מתים, אף בני אדם כיון שפורשין מד"ת ומן המצוות כו'. וראה גם ברכות סא, ב.

ז. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין דעם כפל בסיום המזמור — „ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו":

וויבאַלד אַז באַ משה'ן (ממוצע המחבר) זיינען געוועןביידע ענינים („משה" און „איש האלקים")

— וואָס דערפאַר איז באַ משה'ן למטה דאָ דער ענין הנצחיות וקביעות (כח ה־בל"ג) בגלוי [כמרומז אין המשך המז־מור[64]: „מעון אתה היית לנו בדור ודור, בטרם הרים ילדו גו' ומעולם עד עולם אתה א־ל גו', כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול גו'" — אַזוי ווערט אויך נמשך די נצחיות בזמן באַ „משה איש האלקים"[65] זייענדיק בטל צו אלקות], נצחיות אין משה עצמו, אַז „משה לא מת"[66] (ובכל דור ודור איז דאָ אתפשטותא דמשה[67], נוסף צו בחי' משה שבכל א' מישראל[68]), און אויך אין זיינע כחות און זיינע פרטים[69], ביז אַז אויך „מעשי ידי משה (משכן שעשה משה) נצחיים"[70] —

דעריבער האָט דוקא משה געהאַט דעם כח צו ממשיך זיין שכינה למטה[71] ע"י תפלתו „ויהי נועם גו'", „יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם", אין אַן אופן פון „כוננה עלינו" — מיט אַ קביעות, לדור דור (ביז אַז אין דעם („ומעשה ידינו כוננהו") ווערט אָנגעדייטעט די נצחיות פון בית המקדש השלישי, שאינו חרב לעולם, כנ"ל).

וכשם ווי באַ משה עצמו זיינען פאַראַן ביידע ענינים („משה" און „איש האלקים"), אַזוי זיינען פאַראַן די ביידע ענינים (כפל) בברכת ותפלת משה („ויהי נועם גו'") — (א) המשכת השכינה במשכן, אלקות שלמעלה מעולם, (ב) באופן אַז דאָס ווערט נתלבש בפנימיות שלמטה — ויש לומר אַז זיי זיינען מרומז אין דעם כפל הלשון (א) „ומעשה ידינו כוננה עלינו" — באופן של מקיף מלמעלה, „להיותו בלי גבול ותכ־לית"[72], (ב) „ומעשה ידינו כוננהו", אַז ער באַפעסטיקט די „מעשה ידינו" עצמם, ד.ה. אַז דער „כוננהו" נעמט דורך בפנימיות אויך „מעשה ידינו" (ניט נאָר באופן פון „כוננה עלינו")[73].

— ויומתק בזה וואָס כפל בכלל באַ־ווייזט אויף קיום הדבר באופן נצחי — כפליים לתושי'[74] (וואָס איז ניט נאָר צוויי

64) ולהעיר מסיום מזמור שלפני זה (מזמור פט): ברוך ה' לעולם אמן ואמן, שאמן בכלל מורה על קיום הדבר (גמר הנצחון — ראה נזיר בסופו), ואמן בכפליים מורה על הקיום והתוקף באופן נצחי. ועניין זה נמשך לעולם, בפירושו מקום וזמן (ראה סה"מ תש"ח ע' 160. ובכ"מ), וגם בפירושו נצחיות (ראה המשך מים רבים תרל"ו פנ"ז ואילך). וראה יהל אור ע' תשכד השייכות ד„אמן" עם עיסקא דשבתא כפול (דלקמן בפנים).

65) ומה שבהמשך המזמור מדבר בקוצר זמן האדם („כל ימינו פנו בעברתך גו' ימי שנותינו בהם שבעים שנה גו'") — הוא חלק מהעונש כאשר „זרמתם שנה יהיו גו' שתה עונותינו גו'".

66) סוטה יג, סע"ב. זח"א לג, סע"ב. וראה בארוכה לקו"ש חכ"ו ע' 6 ואילך.

67) זח"ג רעג, א. תקו"ז תס"ט. וראה תניא פמ"ד (סג, א). ועוד.

68) ראה תניא רפמ"ב.

69) כי שלימות ענין הנצחיות היא דוקא כשנמשכת וניכרת בכל הפרטים, דבאם פרט א' אינו נצחי ה"ז מורה על „חלישות" גם בהעניינים שהם נצחיים, כי יש נתינת מקום ואפשריות להיפך הנצחיות.

70) סוטה ט, סע"א. וראה לקו"ש חט"ז ע' 465, ובהנסמן שם. לקו"ש חכ"ו שם.

71) ראה שהש"ר רפ"ה: עמד משה והורידה (השכינה) לארץ . . ואימת שרתה שכינה כו' (כד־לעיל הערה 27). וראה המשך ההילולא באתי לגני ה'שי"ת.

72) תניא אגה"ק סכ"ג.

73) וראה גם פי' האלשיך עה"פ.

74) לשון הכתוב — איוב יא, ו.

מאָל אַזויפיל, נאָר נאָכמער באיכות ובתו־קף). און כפל איז אויך פאַרבונדן מיט דער גאולה[75] – גאולה נצחית[76].

ח. ובפרטיות יותר – ע"פ ביאור רש"י[77] בכפל זה: „ושני פעמים ומעשה ידינו כוננהו, א' על מלאכת המשכן ש־בירכן לישראל והתפלל שתשרה שכינה במעשה ידיהם במשכן, וא' שתהא ברכה במעשה ידיהם". ועפ"ז י"ל, אַז דער כפל באַדייט אַ צווייענידקע ברכה פון משה אַז „מעשה ידינו" זאָלן זיין נצחיים – סיי „מעשה ידינו" אין עניני קדושה (בדוגמת מעשה המשכן), און סיי אין „מעשה ידינו" אין עניני רשות וחול, „מעשיך[78] און „דר־כיך"[79], וואָס הגם אַז דאָס זיינען מעשים פאַרבונדן מיט הנהגת העולם, גיט משה אין זיי אַריין דעם כח הנצחיות – „ומעשה ידינו כוננהו".

ולהוסיף: „תפלה למשה" איז אַ חלק פון תפלת שבת. ועפ"ז איז מובן, אַז די תפלה האָט אַ שייכות מיוחדת מיט שבת[80].

ובפרט אַז „מזמור שיר ליום השבת"[81] איז אַ חלק פון תפלת משה (פון די י"א מזמורים שאמר משה), ביז אַז „בא[82] משה וחדשו על שמו מזמור שיר ליום השבת (ר"ת למשה)"[83].

ויש לומר השייכות: עה"פ „מזמור שיר ליום השבת" זאָגן חז"ל[84] „עיסקא דשבתא כפול". ומבואר בכ"מ[85], אַז דער כפל איז די צוויי דרגות (שתי שבתות[86]) בכל שבת – מעלי שבתא און יומא דשבתא[87], מנוחה בערך ליגיעה, און מנוחה בעצם[88], ע"ד דער חילוק צווישן שם אלקים (אלקות בערך הבריאה) און שם הוי' (אלקות שלמעלה מהבריאה); און אין שבת קומען זיי ביידע צוזאַמען, כפול. וי"ל אַז דאָס איז ע"ד דער כפל בתחלת המזמור – „(תפלה ל)משה" (הוי') און „איש האלקים", און בסיום המזמור – „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו", וואָס נועם איז די דרגא פון שבת[89] (וע"ד דער ענין פון עשיית המשכן[89]) – „ומעשה ידינו כוננה עלינו", „ומעשה ידינו כוננהו", סיי מנוחה בערך ליגיעה דמעשה ידינו, און סיי מנוחה בעצם (עלינו). ובכללות יותר: כוננהו אין „מעשה ידינו" פון ימי החול („ששת ימים תעבוד ועשית

75) ראה יל"ש ר"פ לך לך (רמז סד). וראה ד"ה ויאמר גו' לך לך באוה"ת תרעד, א. תרכ"ז. תר"ל – הובא בסד"ה נחמו עת"ר.

76) ראה מכילתא בשלח טו, א. הובא בתוד"ה ה"ג ונאמר – פסחים קטז, ב. ועוד.

77) עה"פ תהלים כאן.

78) אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

79) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם.

80) ויומתק בזה שעיקר העבודה דשבת היא עבודת התפלה (ראה ירושלמי שבת פט"ו ה"ג. ספר היראה לר"י אות שיט. הובא ונתבאר בתו"א קיג, א. לקו"ת צו יא, ד. סידור עם דא"ח רצז, ד. ועוד). ובפרט תפלת משה – שחוזרין אליו האלף אורות בשבת (וזהו „ישמח משה במתנת חלקו" (סידור האריז"ל במקומו. פע"ח שער השבת פ"ח)). ומבואר בכ"מ השייכות דתפלה למשה לתפלת שבת – ראה אוה"ת ויצא תתמב ב ואילך. ד"ה תפלה למשה תר"ס. ועוד.

81) תהלים מזמור צב.

82) ב"ר ספכ"ב ובמ"כ שם.

83) וראה פע"ח שם: וכשתאמר מזמור שיר ליום השבת תכוין בר"ת שהם למשה.

84) מדרש תהלים שם. יל"ש עה"פ (בשלח טז, כט) ראו כי ה' נתן לכם השבת (רמז רסא).

85) לקו"ת בשלח ב, ג. יהל אור ריש ע' תרכט. שם בהשמטות ע' תשכד ואילך. ד"ה לך לך תרכ"ז. תר"ל. ובכ"מ. וראה ד"ה אלה תולדות נח תנש"א (סה"מ מלוקט ח"ה ע' מז ואילך).

86) ראה ד"ה אלה תולדות גו' הנ"ל בתחלתו. וש"נ.

87) זח"א (בהקדמה) ה, ב. ח"ב קלח, א.

88) ראה אוה"ת נח נז, ב ואילך. ד"ה תפלה למשה תר"ס. ועוד.

89) ראה מאמרי אדהאמ"צ תצוה ע' ת ואילך.

**כל מלאכתך"[90], „ומעשה ידינו כוננה** עלינו" **ביום השבת, ווען „כל[91] מלאכתך עשוי"[92].**

**און שבת — בדוגמת משה — איז פאַר־בונדן מיט ענין הנצחיות, כידוע[93] אַז בכל שבת איז דאָ מעין פון דעם „יום שכולו שבת ומנוחה** לחיי העולמים"[94]**, ווען עס וועט זיין שלימות הגילוי פון מנוחה ב־עצם, מנוחה נצחית. און די גאולה („מיד נגאלין") קומט דורך דעם וואָס „משמרין שתי שבתות כהלכתן"[95] (די צוויי דרגות בכל שבת[86], וואָס עיסקא כפול).**

**ט. ע"פ הנ"ל יש לומר דעם טעם פאַר־וואָס אָט די תפלה — תפלת משה איש ה־אלקים — איז מזמור** צדי"ק **אין תהלים, סיי מצד דעם מספר (תשעים), און סיי מצד דעם אות (צ'):**

תשעים:

בתלתא **זימני הוה חזקה[96]. דער ענין פון** חזקה **(לשון חוזק, שטאַרקייט) איז, אַז מיט (דער פאָרטזעצונג אָדער איבער'־חזר'ונג פון) דריי מאָל ווערט די זאַך קביעות'דיק, עס ווערט פאַרפעסטיקט („כוננה") און אַזוי וועט זי בלייבן אויף אייביק.**

**די פולקאָמע שלימות אין חזקה פון שלשה (פעמים) גופא איז —** ניינציק, **וועלכער איז דריי מאָל דרייסיק, דריי מאָל דריי מאָל צען: די שלימות פון יעדער מספר איז ווען דאָס איז כלול פון עשר, וואָרום עשר איז שלימות המספר[97], וואָס באַווייזט אויף שלימות הענין [וואָס דער־פאַר וועט די גאולה העתידה — גאולה נצחית — זיין פאַרבונדן מיט מספר עשרה: „עלי עשור"[98] וכו'[99]]. ועפ"ז — איז שלשים (צען מאָל דריי) אַ שלימות אין חזקה (שלימות מער ווי דריי, זעקס, ניין וכיו"ב); און תשעים (דריי מאָל דרייסיק) איז די** פולקאָמע **שלימות אין חזקה.**

צ':

**דער אופן רגיל ווי חז"ל וכו' שרייבן דעם אות (במילוי) איז — „**צד"י"[100] **(אָן אַ ק' צום סוף). ובכמה מקומות שרייבט מען „צדי"ק"[101] (מ'איז מצרף צו צד"י דעם אות**

90) יתרו כ, ט.

91) פרש"י יתרו שם, ממכילתא שם. טושו"ע או"ח סש"ו ס"ח. שו"ע אדה"ז שם סכ"א.

92) ולהעיר מפי' הראב"ע עה"פ: „טעם כוננה עלינו — לתקן סבות ועלילות שלא יהי' טורח להם ועמל בכל מעשיהם, וטעם כוננהו — שיהיו שלם, ע"ד אם ה' לא יבנה בית (תהלים קכז, א).

93) ראה המשך תרס"ו בסופו (ע' תקמב). המשך תער"ב ח"ב ע' א'קכז. ועוד.

94) תמיד בסופה.

95) שבת קיח, ב.

96) ב"מ קו, ריש ע"ב. ושו"נ.

97) ראב"ע שמות ג, טו. פרדס שער ב פ"ב.

98) תהלים צב, ד. ערכין יג, ב. ושו"נ.

99) ראה מכילתא בשלח טו, א. ושו"נ (שירה העשירית). תנחומא (באבער) תשא ח. ועוד (מנין העשירי). רמב"ם הל' פרה אדומה ספ"ג (פרה העשירית). ועוד.

100) ראה שבת קג, ב: שלא יכתוב . . גמין צדין, צדין גמין. ושם קד, א: צד"י כפופה וצד"י פשוטה. ועוד.

101) ראה זח"א ב, ב (בהקדמה): אמר לה (הקב"ה) צדי צדי אנת וצדיק אנת* (נתבאר בספר הדרת מלך סי' עה (לד, א). אוה"ת נ"ך ע' תתקכ ואילך). ובאור הלבנה גריס: א"ל צדי צדיק אנת וצדיק אתקריאת. ובפרדס שער כז (שער האותיות)

*) ראה גם בס' שערי גן עדן להמקובל הר"י קאפל (קארעץ, תקס"ג) אות צד"י (פתח א): הרי שאמר (בזהר) ב' לשונות צד"י וצדי"ק. וכן הוא נמצא בגמרא שלנו כו'. ולכאורה י"ל דכוונתו להא דאיתא בשבת שם: „צד"י כפופה וצד"י פשוטה צדיק כפוף צדיק פשוט". אבל לכאורה אין להביא ראי' מזה, „דהתם אות **קמייתא** קא דריש" (מגן דוד להרדב"ז אות צד"י), כדמוכח משאר האותיות דדריש בגמ' שם.

**שלאחרי זה — ק'[102]), וואָס דאָס איז פאַר־בונדן[103] מיט דער דרגא פון אַ צדיק, בחי־נת יסוד כמ"ש[104] "צדיק יסוד עולם"[105].**

**שטייט אין ספרים[106] (ע"פ הידוע ב־גודל הדיוק בכל עניני התורה, ובפרט קדושת האותיות, אַז יעדער אות במילוי האָט אַ פירוש), אַז "צד"י" איז פון לשון צד (זייט), און לפ"ז איז מובן אַז "צדי" מיינט צד שלי — מיין זייט.**

**ויש לומר דער ענין בזה (בעבודת ה'):**

**דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַ מענטשן און די וועלט אין אַן אופן אַז עס זיינען פאַראַן צוויי צדדים ("זה לעומת זה"[107]): דער צד הקדושה און דער צד שכנגד, דער יצר טוב (בצד ימין, חלל הימני[108]) און דער יצר הרע (בצד שמאל[108]). וויבאַלד אַז "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"[109] צו יעדער איד, איז פאַרשטאַנדיק אַז "צדי" — מיין צד (דער צד פון אַ אידן) — איז תורה ומצוות, די פסקי דיני התורה ווי אַ איד דאַרף זיך אויפפירן בעולם (משא"כ דער צד שכנגד האָט צו אים קיין שייכות ניט, ועאכו"כ ניט אַז דאָס זאָל זיין צד שלו).**

**לאידך גיסא ווערט דאָס אָבער אָנגע־רופן "צדי", מער ניט ווי מיינער אַ** צד **(ניט מציאותי, וכיו"ב) — וואָרום: דער אויבער־שטער האָט דאָך באַשאַפן די וועלט (בשם אלקים) אַלס אַ "צד" בפני עצמו (זה לעומת זה עשה** אלקים[107]**), אַן עולם וואָס איז מעלים ומסתיר אויף אלקות, תחתונים, ביז "תחתון שאין תחתון למטה ממנו בענין הסתר אורו ית'"[110], און אין איר הערט זיך ניט אָן (מצ"ע) ווי מ'דאַרף פאָלגן די הוראות התורה, ביז אַז עס קען זיין אַז מ'זאָל זיך פירן היפך התורה ח"ו. און די כוונה אין דעם איז — אַז מ'זאָל איבער־מאַכן די וועלט, אַז אויך דער "צד" פון וועלט מצד** ענינו הוא **זאָל "מסכים" זיין צו הוראות ופס"ד התורה (וואָס דוקא דע־מולט ווערט דאָס נקבע בפנימיות אין די תחתונים).**

**ועפ"ז קען נתעורר ווערן די שאלה (אפילו בנוגע צו אַ דבר של רשות, אפילו ניט דער צד שכנגד): ווי קען אַ איד אַרויסגיין און איבערמאַכן די (חפצא פון) וועלט און די מענטשן אין דער וועלט, אַז זיי — מצד ענינם הם — זאָלן זיך פירן ע"פ הוראות ופס"ד התורה (ביז "לכוף את כל באי עולם לקבל מצוות שנצטוו בני נח"[111])**

---

פכ"א (הובא באוה"ת שם ס"ע תתקכא): וכן לא נקרא צדיק אלא בהיותו מתייחד בצדק. וכן מפורש באותיות דר"ע אות צד"י: אל תקרי צד"י אלא צדק. וי"ג: צדיק. וראה הערה 103.

102) ראה הערה הבאה.

103) ראה מגן דוד שם: אות צ' מורה ביסוד כאשר נבאר בע"ה (וראה הנסמן בהערה 105) וא"ת שהרי אין קריאת האות צדיק אלא צד"י בלא ק', דהכי תניא בברייתא (דלעיל הערה 100) . . לא קשיא שהרי הק' לאחרי* הצ' וכאילו אתה מחברה אצל הצ' ומשלים קריאת צדיק, ומלמדי תינוקות של ספרד מלמדין צדיק בק'.

104) משלי י, כה.

105) ראה פרדס שם: פירש בס' התמונה (תמונה ג אות צד"י) כי רמוזה בצדיק יסוד עולם. וכ"ה בקה"י מערכת צ'. אוה"ת נ"ך שם. לקוטי לוי"צ לתנ"ך וכו' ע' ז.

106) ראה מגן דוד שם: צד"י הוא מלשון צד כמו מצד הארון ולצדי המשכן. וראה גם ברוך שאמר (לרבינו שמשון ב"ר אליעזר) אות צד"י — כח, א ("הצדקות שינטה מקו האמצעי השוה לצד ראש ימיני").

107) קהלת ז, יד. וראה תניא רפ"ו.

---

*) בנדפס שם: לפני. ולכאורה הוא טה"ד.

---

108) תניא רפ"ט.

109) ברכה לג, ד.

110) תניא פל"ו (מה, ב).

111) רמב"ם הל' מלכים פ"ח ה"י.

— ער איז דאָך אין דעם אַ „נוגע בדבר", וואָרום תורה איז תלוי בישראל און איז געגעבן געוואָרן בשביל ישראל (און דערפאַר איז מחשבתן של ישראל קדמה לתורה[112]), ווי עס שטייט אין תורה „צו את בני ישראל", „דבר אל בנ"י" (וכיו"ב), און די חיות פון אַ איד איז תלוי אין תורה (היא חיינו ואורך ימינו[113]) — איז די שאלה: זייענדיק אַ „נוגע בדבר", ווי קען ער אויפטאָן און מאַכן אַ דירה לו ית' בתחתונים[114], מצד ענינם הם?!

דעריבער האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז אַ איד (ווי ער קומט אַראָפּ למטה בעולם אַלס אַ נשמה בגוף) שטייט ער בגלוי כאילו מן הצד, אַז זיין שייכות (עצמי) צו תורה ומצוות איז אים ניט מכריח און איז ניט גורם קיין נטי' (בגלוי) ער זאָל זיך אַזוי פירן, נאָר מ'האָט עס אָפּגעגעבן לבחירתו החפשית, ער זאָל בוחר זיין „ובחרת בחיים"[115] צו דעם צד פון תומ"צ, ובמילא איז ער ניט קיין „נוגע בדבר", וואָרום ער איז ניט מוכרח צו זיך פירן באופן אחד דוקא, ער האָט איך זיך סיי אַ צד טוב און סיי אַ צד שכנגד, און „זה וזה שופטן"[116] (ניט „מושלים"[117], אויך ניט זיין נפש האלקית):

אָבער מ'גיט צו אַ יו"ד צום „צד", וואָרום די כוונה בזה איז — „ובחרת בחיים", ער איז בוחר אַז דעם צד ימין זאָל ווערן „צדי", זיין צד[118] [און דעמולט — ווען ער איז בוחר צו פאָלגן דעם נפש האלקית — איז „הקב"ה עוזרו"[119], „כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו"[120]].

וואָס דאָס זיינען ע"ד די צוויי ענינים אין משה — „משה" און „איש האלקים" [ומעין זה — די נשמה וגוף פון יעדער איד]: זייענדיק „משה" ע"ש מן המים משיתיהו (למעלה מעולם) איז ער פאַרבונדן בגלוי נאָר מיט אלקות, מיט „אין מים אלא תורה"[121] („זכרו תורת משה עבדי"[122]), וואָס תורה איז בעה"ב אויף וועלט, „בראשית", בשביל התורה ובשביל ישראל[123], ובכח זה קען ער איבערמאַכן וועלט און דאָרט ממשיך זיין גילוי אלקות; זייענדיק „איש" („מחציו ולמטה") איז ער „נדמה בחומריותו לגופי אוה"ע"[124], און איז דעריבער כאילו ווי עומד מן הצד, און איז בוחר, „ובחרת בחיים", אַז ווי ער שטייט אַלס „איש" ווערט ער „איש האלקים" — „צדי".

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק, אַז וויבאַלד „צד"י" (אַז תומ"צ איז זיין צד) קומט (ניט אַלס „נוגע בדבר", נאָר) ע"י בחירתו, זייענדיק (בחיצוניות) אַן „איש", אַ נשמה בגוף גשמי בעולם — האָט ער בכח צו איבערמאַכן עולם און תושבי העולם, אַז אויך זיי זאָלן „מסכים" זיין, צו פאָלגן די הוראות התורה, באופן כזה אַז דאָס ווערט אין זיי נקבע בפנימיות, וויבאַלד אַז דאָס איז בערכם, כנ"ל. אַזוי אַז דורך דעם קען

112) ראה תדבא"ר פי"ד ופל"א. ב"ר פ"א, ד.

113) נוסח ברכת אהבת עולם דתפלת ערבית — ע"פ לשון הכתוב (נצבים ל, כ) „כי הוא חייך ואורך ימיך".

114) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא שם.

115) נצבים ל, יט.

116) ברכות סא, ב.

117) תניא רפי"ג.

118) וראה ס' ברוך שאמר שם, ש„צד"י", צד י', פירושו — צד ימין, ע"ש היו"ד שבצד ימין של הנ' באות צ'.

119) תניא שם. וראה סוכה נב, ב. קידושין ל, ב.

120) תהלים קט, לא.

121) ב"ק יז, א.

122) מלאכי ג, כב.

123) פרש"י ר"פ בראשית. ובכ"מ.

124) תניא פמ"ט.

**אלקות נמשך ונתגלה ווערן בכל העולם, באופן של** קביעות.

**י. מ׳דאַרף נאָך פאַרשטיין: האמור לעיל רעדט זיך וועגן די עבודה פון „צד״י״, צו ממשיך זיין אלקות אין חלק** הרשות **שבעולם, אין העולם שמשם אלקים (וואָס דאָס איז טאַקע מעלים אויף אלקות, אָבער ניט מנגד) — אַז היות די עבודה פון בירור העולם איז דורך התלב־שות אין בחי׳ „איש האלקים״, ווערט דאָס נתקבל אויך אין גדרי העולם: בשעת מ׳זאָגט אָבער אַז די** גאַנצע **וועלט דאַרף ווערן אַ דירה לו יתברך בתחתונים, אַ דירת** קבע, **איז פאַרשטאַנדיק אַז עס קען ניט בלייבן אַ „ווינקל״ אין וועלט וואָס איז מנגד צו אלקות ח״ו (ווייל דעמולט פעלט אין דער קביעות ונצחית פון כל הדירה). איז ווי האָט מען בכח צו אויפטאָן אויך אין דעם „צד** שכנגד**״, אַן „אָרט״ וואו ס׳איז שוין געווען אַ מכשול היפך התורה ר״ל?**

**דאַרף מען זאָגן, אַז דורך „תפלה ל־משה איש האלקים״ (וואָס גיט דעם כח אויף המשכת אלקות באופן של קביעות), דערגרייכט עס אויך אין תחתון שאין תחתון למטה ממנו, און מאַכט עס אויך איבער. ויש לומר אַז דאָס איז מרומז אין דעם וואָס מ׳איז מוסיף אַ ק׳ צו „צד״י״, וואָס מאַכט דעם וואָרט „צדיק״ — וואָס אַ ק׳ איז יורד למטה מן השורה[125], וכדלקמן.**

**יא. אויף דעם פירוש הנ״ל (ס״ה) אַז משה ע״ש „מן המים משיתיהו״ באַדייט דער גילוי פון שם הוי׳, שלמעלה מן העו־לם, עלמא דאתכסיא — שטעלט זיך לכאו־רה אַן אויבנאויפיקע קשיא: די „מים״ (פון וועלכע „משיתיהו״ משה׳ן) זיינען געווען די מי נילוס — „ותשם בסוף על שפת היאור״[126], בסמיכות[127] צו — דער** עבודה זרה **פון מצרים[128]! אויך: דוקא** בת פרעה **מלך מצרים (— ערות הארץ[129]) האָט אַרויסגענומען משה׳ן מן המים, און האָט אים אָנגערופן משה׳ן על שם „מן המים משיתיהו״, ודוקא על שם זה ווערט ער אָנגערופן (אע״פ וואָס י׳ שמות היו לו[130]) — ווי שטימט דאָס מיט דעם פירוש אין חסידות, אַז דאָס איז עלמא דאתכסיא, תכלית ההיפך פון ע״ז און פרעה וכו׳?!**

**איז דער ביאור אין דעם, אַז היא הנותנת: כל הגבוה גבוה ביותר נופל למטה מטה ביותר[131]. בכדי דערגרייכן צו אלקות שלמעלה מגדר הבריאה, דאַרף מען אָנקומען דוקא צו בת פרעה [וכמרומז בשמה „בתי־ה״[132], מלשון בת (מקבלת) פון י״ה[133], שלמעלה משם הוי׳], אַז זי זאָל אַרויסנעמען משה׳ן פון אַ מקום של עבודה זרה (מי נילוס)[127], און דורך דעם ווערט דער גילוי פון „מן המים משיתיהו״, דער גילוי פון משה׳ן פון עלמא דאתכסיא אין עלמא דאתגליא.**

**ועפ״ז יש לומר, אַז דאָס וואָס משה איז**

---

125) ראה ספר הערכים חב״ד מערכת אותיות — קו״ף. וש״נ.

126) שמות ב, ג.

127) ראה צפע״נ עה״ת עה״פ, דכיון שהם היו עובדים לנילוס, היתה יוכבד אסורה להשימו בתוך היאור, ולכן „ותשם בסוף על שפת היאור״: ולאחרי ש„ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור״ (שמות שם, ה), „שירדה לרחוץ מגילולי אבי׳״ (סוטה יב, רע״ב. וש״נ. ועוד), הרי ביטלה בזה הע״ז, „ושוב באתה התיבה בתוך היאור״. וראה גם לקו״ש חט״ז ע׳ 13.

128) ראה תנחומא וארא יג. שמו״ר פ״ט, ט. פרש״י וארא ז, יז.

129) מקץ מב, יב.

130) ויק״ר פ״א, ג. ועוד.

131) שערי אורה ד״ה יביאו לבוש מלכות פי״ב ואילך. פל״ב ואילך. ובכ״מ.

132) מגילה יג, א.

133) ראה ל״ת להאריז״ל ישעי׳ כא, ב. ספר הגלגולים פס״ז. עיי״ש.

געווען אין תיבה „בסוף על שפת היאור", בסמיכות צו מקום ע"ז (נאָך נידעריקער פאַר „איש" „מחציו ולמטה"), אָבער באופן אַז ער איז געווען באַשיצט דורך דער תיבה, און בפשטות איז די תיבה געווען פתוחה מלמעלה[134], ד.ה. אַז משה איז זייענדיק אין תיבה געווען גלוי כלפי שמיא, און זייענדיק דאָרט איז „ראתה (אפילו נאָך זייענדיק בת פרעה) עמו שכי־נה"[135], און דערנאָך „מן המים משיתיהו" בת פרעה דוקא, און ער איז אויפגעוואַקסן אין בית פרעה מלך מצרים[136] — האָט דאָס געגעבן משה'ן דעם כח, אַז ער זאָל דערנאָך קענען צוברעכן די קליפה וע"ז פון מצרים, און פון דאָרט אויסלייזען אידן.

קומט אויס אַז אין דעם פסוק „תפלה למשה איש האלקים" איז כלול אויך אַ דריטער ענין (נוסף אויף דער עבודה פון „איש האלקים" (גילוי אלקות בערך הברי־אה), און „משה" (גילוי שם הוי' שלמעלה מן הבריאה)) די עבודה פון בירור התחתון שאין תחתון למטה ממנו. וי"ל אַז דאָס איז מרומז אין דעם ענין פון „תפלה למשה"[137], כמבואר אין חסידות[138] אַז דאָס איז תפלת עשיר, פאַרבונדן מיט עצמותו ית', שלמע־לה פון הוי' און אלקים (סובב און ממלא) והמחבר שניהם יחד, וואָס בכח העצמות (שלמעלה לגמרי פון מציאות העולם און פון שלילת מציאות העולם) ווערט נמשך אלקות בכל העולם ובכל הדרגות שבו, ביז אין תחתון שאין תחתון למטה ממנו.

ווי דאָס וועט זיין בשלימות בגאולה האמיתית והשלימה, ווען „ואת רוח ה־טומאה אעביר מן הארץ"[139], און „לא יהי' שם לא מלחמה כו', ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד"[140] — דער גילוי פון „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו", עלמא דאתי איקרי נועם[141], תענוג העצ־מי[142] (ביז דאָס ווערט נמשך אין) „ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו", כסיום המזמור[143].

---

134) שהרי בודאי היו נקבים בהתיבה לכניסת אויר, ואם כן, למה הטרחא לעשות סתימה ובה נקבים, כשדי להבטיח שנענוע הגלים לא יפילוהו מתוך התיבה ע"י סתימת רוב גג התיבה. וכפשט הכתוב („ותפתח ותראהו גו'" — שמות ב, ו) שרצתה לראותו ופתחה חלק התיבה שמנע הראי'.

135) פרש"י שמות שם.

136) שם, י.

137) היינו שבבחי' משה ב' ענינים: (א) גילוי שם הוי', עלמא דאתכסיא, אלקות שלמעלה מעולם. (ב) „משה" (הוי') כפי שהוא בדרגת „תפלה למשה", מלשון תפל ומחובר לעצמותו ית'. ואולי י"ל שזהו ע"ד הב' דרגות בהוי': (א) בחי' שם הוי', (ב) כפי שהוא למעלה מכל ענין של שם (ראה ס' הליקוטים דא"ח־צ"צ ערך הוי' בתחלתו. וש"נ).

138) ד"ה תפלה למשה תר"ס. תשכ"ט.

139) זכרי' יג, ב.

140) רמב"ם בסיום וחותם ספרו.

141) זח"א קצז, ב.

142) מאמרי אדה"ז על פרשיות התורה ח"א ע' תיא. שע"ת ד"ה אם יהי' נדחך פכ"א.

143) ויש לומר שע"ד התוכן דמזמור „תפלה למשה" — תחלתו וסיומו — הוא גם בספר הרמב"ם* (ששמו משה, וידוע הפתגם ממשה ועד משה לא קם כמשה): בתחלת ספרו — „יסוד היסודות ועמוד החכ־מות" ר"ת הוי'** (כמ"ש נכדו ר' דוד הנגיד — סה"ד שם. שה"ג להחיד"א מע' רמב"ם. וראה גם „פירוש" לריש הל' יסוה"ת) (וגם ממשיך אח"כ „ואמת הוי' לעולם"), „לידע שיש שם מצוי ראשון", „אמיתת

---

*) ולהעיר שיום הולדת שלו הוא בערב פסח (סה"ד ד"א תתקכז).

**) ומהיו"ד ד„יסוד" (כנגד היו"ד דשם הוי') נמשך התיבה „(י)סוד", בגימטריא שבעים, כנגד בירור העולם, שבעת ימי הבנין (בחי' אלקים), וגם שם ממשיכים ומגלים אלקות דבחי' סתום (שלמעלה מהבריאה), ע"י „נכנס יין (בגימטריא שבעים) יצא סוד" (עירובין סה, סע"א), שזהו הגילוי דפנימיות התורה (וע"ד מעשה מרכבה — בפרקים הראשונים דספר הרמב"ם).

יב. עפ"ז יש לומר דער רמז אין דעם מזמור צדי"ק (בהוספת ק' נאָך צד"י):

ס'איז ידוע דער פירוש[144] אין „בה"א נברא העולם הזה"[145], אַז עולם איז באַ־שאַפֿן געוואָרן בה"א, וועלכע האָט דריי קוים, כנגד די דריי דרגות אין עולם — בריאה יצירה עשי', מחשבה דיבור ו־מעשה: דער גג ורגל ימיני (המחוברים) זיינען כנגד מחשבה ודיבור, און דער רגל השמאלי הנפסק איז כנגד עשי', אויף וועלכע עס שטייט „אף עשיתיו"[146], אף המפסיק.

וויבאַלד אַז „עולם על מילואו נב־רא"[147], איז מובן אַז אע"פ וואָס עוה"ז איז באַשאַפֿן געוואָרן בה"א, אַז ס'איז דאָ אַ הפסק פאַר עולם העשי' (ד.ה. אַ העלם והסתר וואָס איז מעלים אויף איר חיבור מיט די העכערע עולמות) — איז דאָס אָבער על מילואו, באופן ווי דער אויבער־שטער האָט עס באַשאַפֿן בשם אלקים, אַז ס'איז דאָ אַ וועלט וואָס איז מעלים אויף אלקות. און די עבודה אין דעם עולם באַשטייט פון „צד"י"[148] — בוחר זיין אַז תומ"צ איז דער צד פון אַ אידן, כנ"ל.

דערנאָך איז דאָ די עבודה פון ק' (דקדושה) — אַז מ'דערגרייכט אויך אין דעם אָרט (שנעשית ע"י החטא), אַז פון דעם אות ה' זאָל ווערן אַן אות ק', וואָס איר רגל השמאלי איז יורד למטה מן השורה, למטה פון דעם אָרט ווי דער אויבערשטער האָט די וועלט באַשאַפֿן לכתחילה. און די כוונה אין דעם איז — „אשר ברא אלקים לעשות, לתקן"[149], ווערן אַ „שותף להקב"ה במעשה בראשית"[150], און מברר זיין אויך דעם אָרט, ווי משה האָט אויפגעטאָן (כנ"ל) — וואָס אין דעם באַשטייט שלימות העבודה פון אַ „צדי"ק", אַז ער איז ממשיך פון „צד"י" (אַז תומ"צ איז זיין צד) אויך אין ק'[151] למטה מן השורה[152].

יג. ע"פ כל הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס דוקא משה איז גואלם של

המצאו" (עצמותו ית'). ובסיום ספרו — בהל' משיח, הקשור עם הגילוי ד„נועם" (עלמא דאתי), ובזה גופא — ב' תקופות: שלא יהי' שינוי הטבע כ"א ביטול שעבוד מלכיות בלבד (גילוי אלקים בגימטריא הטבע), ובתקופה שני' נסים למעלה מטבע — כנרמז בסיום הספר „כמים לים מכסים". כמבואר במ"א (הדרן על הרמב"ם (לעיל [סה"ש תנש"א ח"א] ע' 98 ואילך).

144) ראה לקו"ת ר"פ בלק (סז, א ואילך). תו"א מג"א צה, סע"ב ואילך. סה"מ תר"ן ע' רעט ואילך. תרנ"ח ע' ריב. ה'שי"ת ע' 122. סה"מ קונטרסים ח"א רמא, א ואילך.

145) מנחות כט, ב.

146) ישעי' מג, יז.

147) ראה ב"ר פי"ב, ו. פי"ד, ז. פי"ג, ג.

148) וי"ל ש„ד"י" (מתיבת „צד"י") הם כנגד אות ה', שהוא ד' עם י' (רגל השמאלי). וזה בא לאחרי אות צ' שהוא נ' (כפופה) וי' בימינו, שמרמז על העבודה בקדושה ורשות, דאף שנ' ר"ת נפילה, ה"ז נ' כפופה (שאינו יורדת למטה מן השורה), וזהו הירידה בשם אלקים, וצורך עלי' לבחי' נ' ר"ת נשיא, עד לגילוי שער הנ'. ומרומז גם בזה ש„צדי" „הוא מלשון וצודה לי ציד" (מגן דוד שם), בירור ה„ציד" (המותר) דעולם הזה.

וע"י הירידה נוספת למטה מן השורה, באות ק' (ע"ד ז' פשוטה), נעשית עלי' שלא בערך, ע"ד משה (ש„מן המים משיתיהו", ממקום של ע"ז), שבכחו לברר גם למטה מן השורה.

149) בראשית ב, ג .

150) ל' חז"ל — שבת י, א. קיט, ב.

151) וע"ד ההוספה בצדי"ק לגבי פ"א בפסוקי „תהלה לדוד" (שע"פ סדר הא"ב) — „פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון, צדיק ה' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו": אף שגם ב„פותח גו'" מודגשת ה־פעולה וההשפעה בעוה"ז (ע"ד באות ה'), שזהו"ע „משביע לכל חי" — הרי ההשפעה היא ביד ימין (ראה יהל אור ע' תקנה); וב„צדיק גו'" מרומזת ההשפעה גם ביד שמאל, למטה מן השורה.

152) וע"ד משיח אתא לאתבא צדיקיא בתיובתא (ראה לקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, ב).

ישראל, בגאולת מצרים, און גואל ראשון הוא גואל אחרון – וואָרום זייענדיק בדרגת „תפלה למשה איש האלקים" האָט ער בכח צו ממשיך זיין גאולה – גילוי כח הבלי גבול – אין וועלט, און אויסלייזען אידן פון אַלע מיצרים וגבולים, ביז אויך פון קליפת וע"ז של מצרים, ובכח זה – אויך די גאולה האמיתית והשלימה, וואָס „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפל־אות", ניט נאָר נסים המלובשים בטבע (אלקים), נאָר אויך נסים גלויים שלמעלה מדרך הטבע לגמרי, ביז נפלאות,

און עס וועט זיין אַ גאולה שאין אחרי' גלות, באופן אַז כל העולם כולו וועט זיין אַ דירה לו יתברך, דירת קבע ונצחי, לעד ולעולמי עולמים.

יד. דערמיט קען מען אויך מבאר זיין דעם תוכן פון דעם „נס גדול" בשבת הגדול, און דער קשר מיט שבת דוקא:

דעם נס פון „למכה מצרים בבכוריהם", אַז דער תוקף פון לעו"ז עצמו (בכורי מצרים) שלאָגט מצרים, ארץ מלאה גילו־לים[153] – דער בירור פון דעם ק' (למטה מן השורה) – ווערט אויפגעטאָן דורך אַ גילוי הכי נעלה פון אלקות, העכער ווי די נסים וואָס האָבן פּאַסירט מיט אידן אַליין (אָדער די נסים וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט). ביז אַז דאָס ברענגט אַרויס נאָכמער דער כח נצחי וכח הבלי גבול פון אלקות, אַז דאָס דערגרייכט אפילו במקום זה.

דעריבער ווערט דוקא דאָס אָנגערופן „נס גדול", און דוקא דאָס ווערט די „התחלת גאולה ונסים" פון גאולת מצרים.

און דאָס איז נקבע געוואָרן דוקא ב־שבת, וואָרום שבת איז פאַרבונדן מיט דער גאולה נצחית – יום שכולו שבת ומנוחה לחיי עולמים (כנ"ל ס"ז), ועסקא דשבתא כפול, וואָס כפל איז אויך פאַר־בונדן מיט גאולה: און דעריבער, אין דעם שבת ווען עס האָט פּאַסירט דער „נס גדול" פון „למכה מצרים בבכוריהם" – מאַכט עס איבער דעם גאַנצן שבת, אַז עס ווערט אַ „שבת הגדול". [און דעריבער האָט דער שבת אויך בכח צו מברך זיין חג הפסח, כנ"ל ס"א].

ולהוסיף, אַז בקביעות שנה זו (ובכמה שנים) קומט אויס שבת הגדול בשבת פ' צו, „אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדו־רות"[154], וואָס אונטערשטרייכט נאָכמער גילוי ענין הנצחיות למטה – בכח זה וואָס דער אויבערשטער זאָגט אָן צו משה רבינו: „צו אל אהרן", און דורך אהרן קומט עס אָן צו יעדער איד (וואָרום אהרן איז אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה[155]), אַז ער האָט דעם ציווי און אומבאַגרענעצטען נתינת כח פון דעם אויבערשטן, סיי אין הווה (מיד) און סיי אין עתיד (לדורות):

„מיד" – עס איז ניטאָ ביי אים קיין שטערונג אָדער אפילו אַן אָפּהאַלט צו קענען דורכפירען דעם ציווי גלייך, ווייל ער איז אַריינגעטאָן אין דעם אינגאַנצען, ביז אַז דאָס איז זיין לעבן, דורך און דורך; ולדורות – דאָס ווערט פאָרגע־זעצט, און אין דעם זעלבן אופן פון זריזות, אויך ביי די קומענדיקע דורות – ל' רבים: און ווען ס'איז דאָ די חזקה פון דריי דורות (פון אים און נאָך צוויי דורות), ווערט עס אַן ענין נצחי אויף אַלע דורות, אַז יעדע פעולה וואָס ער טוט זאָל זיין באופן פון „מעשה ידינו כוננהו"[156].

153) פרש"י וארא ט, כט.

154) תו"כ (הובא בפרש"י) עה"פ.

155) אבות פ"א מי"ב.

156) ראה מכתב ה' ניסן ש.ז (נדפס לקמן [סה"ש תנש"א] ח"ב בהוספות). וש"נ.

טו. האמור לעיל איז נאָכמער בהדגשה געפינענדיק זיך אין חודש ניסן פון היינטיקן יאָר „הי' תהא שנת נפלאות אראנו", און ווי גערעדט (אויך אין די מכתבים כלליים) וועגן די נסים ונפלאות וועלכע האָבן פּאַסירט דעם יאָר (נאָענט צו דעם היינטיקן פורים), אַז ס'איז בטל געוואָרן אַ מנגד צו אידן, ביז אַז דער נצחון האָט געבראַכט דערצו, אַז דער שונא זאָל באַפרייען, אין אַ גוטן אופן, אַ טייל פון די מלחמה־געפאַנגענע וכו', ווי גערעדט אויספירלעך פריער.

און זיכער וועט דער אויבערשטער ממשיך זיין ווייזן נסים ונפלאות, ביז — ועיקר — „אראנו נפלאות" בגאולה האמיתית והשלימה,

וואָס די מלחמות אין יענעם טייל וועלט („מלך פרס" מיט „מלך ארם") זיינען פון די סימנים אַז אָט קומט די גאולה ע"י משיח צדקנו, ווי עס שטייט אין ילקוט שמעוני[157], און ווי ער זאָגט דאָרט, אַז „בני אל תתיראו . . הגיע זמן גאולתכם", און „מלך המשיח עומד על גג ביהמ"ק והוא משמיע להם לישראל ואומר, ענוים הגיע זמן גאולתכם"!

טז. פון דעם אַלעם האָט יעדער איד אַ הוראה אין זיין אייגענע עבודה:

שטייענדיק אין שנת נפלאות אראנו, און אין דעם גופא — בחודש ניסן, און בתוך השבוע פון חג הפסח, זמן חירותנו, און אין אָנבליק פון די געשעענישן און נסים — וואָס זיינען גלויים לעיני בשר, לעיני כל העמים —

דאַרף דאָס אַרויסרופן ביי אַ אידן נאָכמער רצון און כחות צו טאָן זיין עבודה באופן פון נס, ביז נסי נסים — ס'איז ניט גענוג ער זאָל זיך אויפהויבן פון זיין ביז־איצטיקער געוואוינהייט אין לימוד התורה וקיום המצוות בהידור, נאָר ער דאַרף שטייגן אין דעם אַליין העכער און העכער, „ילכו מחיל אל חיל"[158], ביז ער דערגרייכט דעם אמת'ן „נס גדול" פאַרבונדן מיט „גדול הוי' ומהולל מאד"[159].

און מ'האָט אויף דעם אַ נתינת כח מיוחדת פון מזמור צדי"ק, „תפלה למשה איש האלקים", „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו" — אַז „תשרה שכינה במעשה ידיו",

און משה גיט כח יעדן אידן — בפרט דורך בחי' משה שבו (וואָס ווירקט אויף זיין עבודה בפועל) — ער זאָל מגלה זיין אין זיך דעם „צדיק" שבו, „ועמך כולם צדיקים"[160], ווי ער איז פאַרבונדן מיט „צדיק ה' בכל דרכיו"[161], און דורך דעם — טאָן בשלימות זיין עבודה פון „צד"י", זיך אינגאַנצן איבערגעבן צו דעם צד פון תורה, אַזוי אַז דאָס ווערט „צדי" אינגאַנצן (אַזוי אַז ס'איז ניטאָ קיין אָרט אויף אַ קס"ד פון נאָך אַ צד), סיי בנוגע צו זיך אַליין, און סיי בנוגע צו השפעה אויף אַנדערע אידן, בהפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, און אויך — משפיע זיין אויף אוה"ע בנוגע צו זייערע שבע מצוות[111],

— און אין דעם קומט מען צו נוצען נאָך אַ געשעניש להוספה בעבודת השם: בהשגחה פרטית, איז בימים אלו אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ החלטה מספר 104 — גימטריא צד"י[162] — פון דעם בית הנבחרים פון דער

157) ישעי' רמז תצט.

158) לשון הכתוב — תהלים פד, ח.

159) תהלים מח, ב.

160) ישעי' ס, כא.

161) תהלים קמה, יז.

162) והרי כל דבר הוא בהשגחה פרטית. — ולהעיר מהנהגת גדול א' שהי' לומד הוראה אפילו ממספר הרכבת שבה הי' נוסע!

מדינה (די באַי־כח פון המדינה כולה), וואָס האָט דעם כח פון דינא דמלכותא דינא[163] — בקשר מיט קובע זיין היי יאָרי־גען „עשתי עשר יום״[164] לחודש ניסן אַלס אַ טאָג געווידמעט במיוחד צו פאַר־שטאַרקן חינוך הטוב א.ז.וו. — יסודות אין ישוב העולם פאַר כל תושבי המדינה וכל תושבי העולם —

און טאָן דאָס ביז אין אַן אופן פון „צדיק״, דערגרייכן אויך אין חוצה שאין חוצה ממנה.

והדגשה מיוחדת בענין שהזמן גרמא[165]: צושטעלן אַלע צרכי החג צו די וואָס דאַרפן דערצו אָנקומען — די צרכי הסדר (מצות, ד׳ כוסות וכו׳), און צרכי יום טוב בכלל (בגדי יום טוב, ומאכלי יום טוב), וכיו״ב.

163) גיטין י, ב. וש״נ.

164) לשון הכתוב — נשא ז, עב.

165) ראה שו״ע אדה״ז או״ח ריש הל׳ פסח סתכ״ט ס״ה.

ויש לעורר אויף נאָך אַן ענין בקשר עם זה: אין די ערטער וואו מ׳פּראַוועט סדרים ציבוריים וכלליים — זיינען דאָ כמה מקומות וואו מ׳האָט געמאַכט הכנות צו פּראַוועון נאָר איין סדר (צוליב דעם וואָס עס פעלט געלט וכיו״ב). ונחוץ וכדאי ביותר, אַז מ׳זאָל זיך משתדל זיין ביותר מאַכןביידע סדרים, על כל פנים — טיילן די הוצאות אויף ביידע נעכט, ובודאי — וועט מען דערצו ניט דאַרפן אָנקומען, ווייל דער אויבערשטער וועט זיכער בענטשן און צושטעלן צו די עוסקים בזה כל המצטרך, און נאָכמער דערפון.

ויהי רצון אַז עס זאָל שוין מקויים ווערן די שלימות התפלה פון משה און פון משה שבכאו״א מישראל — „תפלה למשה איש האלקים״ — „ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו״, „תשרה שכינה במעשה ידיכם״, אין מעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות, און תיכף ומיד ממש דעם עיקר — אין דעם בית המקדש השלישי, „מקדש אד׳ כוננו ידיך״.

**לזכות**

# כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א

**מהרה יגלה אכי"ר**

יה"ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק'
ויבנה ביהמ"ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי"ד ממ"ש!

## יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!

---

To sponsor: weeklydvarmalchus770@gmail.com :לתרומות והקדשות